# הגדה
# של פסח



# הגדה

לשביעת רצון בעלי

# הפרדת הדת

ודרישת החינוך של

# קאמאן קאר

עמוד זה 1-2 נשמט מן הגדה

בס"ד

# הקדמה

## דער צוזאם-שטעל פון די הגדה

1. ביי די אומות העולם איז זעהר אנערקענט דעם ענין צו באפרייען פון קנעכטשאפט און שקלאפען.

2. די אומות העולם (הפרדת הדת) לאזן לערנען די שולע אידישע היסטוריא, און אלע אידישע פאקטן פון **עבר**, אבער לגבי דער **הווה** און דער **עתיד**, טאר דארט נישט זיין קיין אמונה און אידישקייט.

3. די אומה"ע טוהן ערלויבן אז די קינדער מעגן **אליין** אויסוועלן צו האבען אמונה, זיי טוהן נאר פארבאטן אז די **שולע** טאר נישט לערנען מיט די קינדער אמונה (הפרדת הדת).

4. די אומה"ע ערלויבען טייטשן פסוקים פון די תורה וואס מען קען אויסטייטשען אלס **היסטוריא**. (הפרדת הדת)

5. נאר זאגן פאר קינדער זאכן וואס זיי קענען פארשטיין און באגרייפן (קאמאן קאר)

6. די אומה"ע טוהן שטארק מעודד זיין אז קינדער זאלן **איבער אלעס** פרעגען שאלות (קאמאן קאר).

7. די אומה"ע ווילן פאראייניגען די גאנצע וועלט אז יעדער זאל פארליידן אין מסכים זיין צו אלע באנעהמונגען וואס ער זעהט.

8. די אומה"ע ווילן אז די עלטערן זאלן זיך **בייגען** צום פארלאנג פון די קינדער.

**יעצט, ליידער, אין די הייליגע נאכט וואס השי"ת האט גיגעבן די מצוה פאר א טאטע אריין צו ברענגען די אמונה ווייטער אין די דורות . די וואס ווילן זיך צושטעלן צו די אומה"ע, האבן געטראפן די געלעגנהייט צו אוסטייטשען פאלש די הגדה מיט חנופה און שקר און אלעס אויסדרייען - צו:-**

- **היסטוריא** פון שווער ארבייטען ווערן גיפייניגט און פארשקלאפט,

- **באפרייאונג**, און פייערן דעם באפרייאונג׳ס טאג.
- **קינדער** זאלען אלעס פרעגען.
- **עלטערן** זאלן מוזן ענטפערן און זיך פארענטפערן פאר זיי.
- דער **עיקר** זאל זיין ״פאקטן״ און **באגלייט** מיט פסוקים וועגן דעם.
- די **זיידעס** וועלן דערציילן די ״פאקטן״ וואס מיט זיי איז געשעהן, דורך **בריוון** – דאס וועט זיין די **הגדה** פון זיידעס צו אייניקלעך.
- די **קינדער** צו די זיידעס דורך בריוון – וועלן שרייבן **אמונה און ניסי יציאת מצרים**, אויך פון **טאכטער** צו די מאמע, פון **פלימעניק** צום פעטער, פון א **חבר** צו חבר, וואס זיי **מעגן** פון זיך אליין אויסוועהלן אמונה.
- הלכות און ברכות מיט אביסל התעוררות דער מינימום וואס מען מוז שרייבען וועט זיין דורך ״סטיקערס״ STICKERS.
- **און מיט דעם אלעם וועט מען יוצא זיין פאר די גוים און להבדיל די אידן.**

**צו ביישפיל**, אין עמוד 22 שרייבט דער **חבר**, ״יעצט אז דער קינד ווערט שוין ׳פארשטענדליך׳ ליגט אויף מיר א ׳חוב׳ איבערצוגעבן די ׳געשיכטעס׳ פון מיין עלעטער זיידע״. – דאס מיינט:

ווייל לויט די אומה״ע (קאמאן קאר) זאל מען נאר זאגען צום קינד א זאך וואס ער פארשטייט מיט זיין אייגענע שכל, אבער ווען ער איז נאך קליין און ער פארשטייט נישט מיט זיין גשמיות׳דיגע שכל, איז עס נישט ריכטיג אים צו זאגען.

האט מען אויסגעשטעלט זיי צו געפעלן, **׳יעצט**׳ ווען דער קינד איז שוין **׳פארשטענדליך**׳ ליגט אויף מיר א **׳חוב**׳ איבערצוגעבן די **׳געשיכטע**׳, נישט קיין מצוה נאר א מענטשליכע חוב, נישט פסוקי התורה און מדרשי חז״ל נאר די געשיכטע – דער היסטורישע פקטן פון די פארגאנגנהייט .

די גאנצע **סדר נאכט** וואס מען ווארצלט איין די אמונה פון קליין פיצל-הייט **אין די אידישע נשמה**, לויט די אומה״ע (הפרדת הדת) איז עס פארבאטן, און לויט די (קאמן קאר) איז עס אויך נישט בארעכטיגט.

**אלעס וואס איז אויבן דערמאנט, קען מען זעהן אין דעם פאלגענדע אינהאלט:**

# אינהאלט


**דער באפרייהונג:**

פון שקלאפריי און קנעכטשאפט
. . . עמוד 40

סימבאל פון באפרייהונג 'ליברטי' (**נאך די ברכה גאל ישראל**)
. . . . . . עמוד 58

**בריוון**

עס איז דא 21 בריוון.

**איין טייל:** פונעם **זיידעס** צום אייניקל וואס גידענקען די שווערע צייטן אין מצרים און דערציילן **נאר פאקטן**.

ווען ער דערציילט זיינע פאקטישע איבערלעבונג אין מצרים, דערמאנט קיינמאהל נישט ניסי השי״ת ועניין יציאת מצרים,

״ער שפירט א חוב איבער צו געבן די אלע געשיכטעס פונעם עלטער זיידן״, (נישט א מצוה מן התורה)

און ווייטער ממשיך: נאר צום חבר, סוף כל סוף דעם רבוש״ע.
. . . . עמוד 22

**צווייטע טייל:** פון דעם **אייניקל** צום זיידן פון די טאכטער צו די מאמע, פון דעם **פלימעניק** צום פעטער, פון **חבר** צו חבר. דארט ווערט יא דערמאנט אמונה מיט ניסי יציאת מצרים פון השי״ת
זעה . . . עמוד 38, 40, 46

**בס״ד**

**קיין איינע** פון די אלע בריוון הייבן זיך אן מיט **בס״ד**. (ווייל דאס איז די הויפט זאך געוויזן פאר די אומוה״ע).

יעדער בריוו קומט פון א אנדערע לאנד מיט א **בילד** פון א גאוישע אלוועלטליכע חלק פון יענע לאנד – **קיין מאהל** נישט פון א דבר שבקדושה פון יענע לאנד.

. . . . זעה עמוד 56
פון ניו-יארק און אזוי פון איבראל.

**הלכות און התעוררות און ברכות**

נאר דורך ״סטיקער׳ס״ **STICKERS** אויף 21 פלעצער, וואס איז געווארן צו געלייגט professional נאכן דרוקען די הגדה פארטיג.

**לשם יחוד**

ווערט קיין מאהל נישט דערמאנט ביי די אלע מצות פון די נאכט – נאר איינמאל מיט א ״סטיקערס״ **STICKER**. ביי אפיקומן
. . . . . . . עמוד 66

**מגיד**

״און באלט ביי מגיד וועלן מיר ליינען די **בריוון**״
(**אויסגעריסן דעם גאנצען והגדת לבנך**)
. . . . עמוד 15

# טייטש

**וירעו אותנו המצרים** גיטייטשט, אבער נאכדעם איינגרינגעלט (ווייל די מצרים האבען מורא געהאט פון פאסירן א מלחמה וכו׳) כדי פארשטיין צו געבן זייער חשבון

. . . . עמוד 39

## עשר מכות

די **צעהן מכות** זענען נישט גיטייטשט

. . . . עמוד 43

היתה יהודה **לקדשו** נישט געטייטש (מסירת נפש)

. . . . . עמוד 59

## שאלות פון קינדער

״מיין חיים׳ל בליעט פרעגט טיפע שאלות אין אסאך מאהל קען איך אים נישט ענטפערן אליין (צופרידנשטעלונג קאמאן קאר)

. . . עמוד 28

שאלה וועגען גלות, ״טייערע טאטע, איך ווייס אז דו קענסט מיר נישט ענטפערן דעם תירוץ״, ומסיים, ״פונעם אייבירשטן האבען מיר נישט קיין קשיות״

. . . . . .עמוד 20

## דער טאטע

״דער טאטע האט מתחלה נישט געוואלט, אבער דאס קינד האט אויסגעפירט״

. . . . .עמוד 20

## די מאמע

״האט ענדליך איבערגעבעטן דעם קינד״

. . . . עמוד 46

## זיך גוט אויסקומען

**מיט יעדן איינעם**, - ״גושן איז פארשטופט (ענג) פארטראגן מיר זיך זייער פיין מיט די גאוישע שכנים״

. . . . . בריוו עמוד 36

**צא ולמד מה בקש לבן הארמי**, - ״איך האף אז יעקב וועט אויסגעהאלטן צו וואוינען מיט זיין שווער״

. . . .בריוו עמוד 32

באמת איז נישט מעגליך זיי זאלן זיך פארטראגן, **אבער**, יעקב רעדט שטענדיג מיטן פולסטן דרך ארץ צו זיין שווער.

. . . .בריוו עמוד 32

## ים סוף

״אין ים סוף איז גיווען א קראן פון די וואנט ווי עס איז ארויס געקומען וואסער,״ -

זעה בילד / . . . בריוו עמוד 46

## כוס של אליהו

**כוס של אליהו מיט עפענען די טיהר**, - ווערט בכלל **גארנישט דערמאנט**, מען האט דאס געמוזט אויסלאזן נישט צו הייסן טוהן פאר די קינדער (רח״ל)

זעה . . . . . .עמוד 71

איבערגעזאגט דעם טאטן'ס ווערטער וואס סענדער האט נישט פארשטאנען. יענקי האט געשפירט אז מיט'ן ערקלערן אלעס פאר זיין גאסט פארשטייט ער אליין אויך פיל בעסער דעם סדר און עס נעמט אים ארום א ספעציעלע געהויבנקייט.

"וואס זענען די צעטלעך וואס דו האסט דא אין דיין הגדה?" האט סענדער שטיל געשעפשעט צו יענקי ווען רחל'ע האט געהאלטן אינמיטן זאגן "כרפס."

"אונזער רבי אין חדר האט אונז געהאלפן פארשטיין די הגדה דורך בריוון וואס מיר האבן 'געטראפן' פון די אלטע, אלטע צייטן. ער האט באהאלטן אין חדר א הויפן פון בריוון וואס מיר האבן געדארפט אויפזוכן, און דארט זענען געשטאנען זייער אינטערעסאנטע זאכן אויף די הגדה וואס האט אונז געהאלפן בעסער פארשטיין דעם הייליגן סדר נאכט. מיין טאטע האט מיר נישט געלאזט האבן די צעטלעך ביים סדר טיש, אבער וויבאלד ער האט געזען וויפיל עס העלפט מיר פארשטיין און מיטהאלטן מיט די הגדה האט ער נעבטן געמאכט קאפיס דערפון און דאס האט ער מיר שוין יא געלאזט ארייגלייגן אין מיין הגדה. באלד וועלן מיר ליינען די בריוון צוזאמען, גוט?"

"עכטע אנטיק-בריוון פון די אלטע צייטן?" האט סענדער ברייט געעפנט זיינע אויגן.

יענקי האט געשמייכלט. "מיר קענען זיך אזוי פארשטעלן, ניין?"

"קוק, דיין טאטע טיילט אויס פאר יעדן קארטאפל," האט סענדער געשעפשעט. "דאס איז כרפס, ניין?"

"ריכטיג, דאס איז כרפס. לאמיר זיין שטיל יעצט, און באלד, ביי מגיד, וועלן מיר ליינען די בריוון."





# ה' אלפים תר"ב

**צו מיין חשוב'ער טאטע שליט"א,**

וואס מאכסטו? וואס מאכט די גאנצע משפחה? איך בענק זיך אזוי שטארק אהיים, אבער איך פריי זיך צו זיין דא אין ישיבה. איך שפיר ממש ווי איך בין אין גן עדן! בייגעלייגט איז א לענגערער חידוש אויף די סוגיא וואס מיר לערנען. איך האף אז דו וועסט הנאה האבן דערפון. א שאד אז איך וועל נישט באווייזן אהיימצוקומען אויף פסח. אבער איך בין זיכער אז דא ביים רב וועל איך האבן א הערליכע יום טוב. אזוי ווי איך וועל נישט קענען פרעגן די פיר קשיות ביים סדר, וויל איך עס יעצט פרעגן דא, שריפטליך: טאטע! פארוואס איז דער יעצטיגער גלות אזוי אנדערש ווי אלע אנדערע גלות? און עס נעמט נישט קיין סוף. ווילאנג נאך וועט זיך עס אזוי ציען? מיר זענען אלע אזוי פארוויטעגט. מיר האבן זיך נאך נישט בארואיגט פון די שוידערליכע פאגראמען וואס זענען פארגעקומען עטליכע מאנאטן צוריק. אלע אנדערע גלות האבן געהאט באשטימטע טערמינען – מ'האט געזען א סוף דערצו נאך עטליכע יאר. אבער אונזער גלות ציט זיך שוין אזוי לאנג... טייערע טאטע, איך ווייס אז דו קענסט מיר נישט ענטפערן דעם תירוץ. נאר דער באשעפער אליין קען דאס ענטפערן. אבער פונעם אייבערשטער האבן מיר נישט קיין קשיות. מיר גלייבן אלע באמונה שלימה אז אויך דער יעצטיגער גלות וועט זיך צום סוף ענדיגן מיט וואונדערליכע נסים – פילפאכיג מער ווי ווען מיר זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים!

יהי רצון מיר זאלן נאך דאס יאר זוכה זיין צו עסן מן הזבחים ומן הפסחים.

שרייבט דיין בענקענדיגער זון,

יוסף הערש



טייערער מנשה,

וואס מאכסטו? וואס מאכן דיינע קינדער? איך האף אז דיין שרה'לע האט זיך שוין גענצליך אויסגעהיילט פון איר שווערע לונגען אנטצינדונג. באלד קומט שוין פסח, און דער שווערער ווינטער וועט זיין א פארגאנגענהייט. איך קען קוים ווארטן אויף פסח – אויף די וואונדערליכע סדר נאכט ווען מיר וועלן איבערדערציילן די נסים וואס אונזערע עלטער זיידעס האבן אליין דורכגעלעבט. ס'איז שווער צו גלייבן אז דריי דורות זענען שוין אדורך זינט יציאת מצרים, און מיר געפינען זיך דא אין ארץ ישראל במנוחה. עס ליגט מיר נאך אלץ גוט איינגעקריצט אין די ביינער וואס מיין עלטער זיידע פלעגט דערציילן, פון די עבודת פרך און די שרעקליכע קנעכטשאפט ביי די רשעות'דיגע מצריים. ער האט אונז דערציילט ווי ביטער שווער זיי האבן געארבעט און ווי אונטערדריקט זיי זענען געווען, נישט קענענדיג אפילו כאפן דעם אטעם אינמיטן די ארבעט. יעצט ווען מיין עלטסטער זון ווערט שוין פארשטענדליך, שפיר איך אז עס ליגט אויף מיר א חוב איבערצוגעבן פאר אים די אלע געשיכטעס פון מיין עלטער זיידע. סוף כל סוף, ווען נישט וואס דער רבוש"ע ציט אזוי וואונדערליך ארויס די אידן פון מצרים, וואלטן מיר אליין, אונזערע קינדער, און אונזערע אייניקלעך, ווייטער געווען פארקנעכטעט פאר פרעה. כאטש די קינדער געדענקען שוין גארנישט פון'ם קנעכטשאפט, און קענען ניטאמאל די אידן וואס האבן עס אליין דורכגעלעבט, מוזן זיי אלעמאל געדענקען צו דאנקען און לויבן דעם רבוש"ע פאר די אויסלייזונג, און כסדר דערציילן די נסים פון יציאת מצרים.

איך האף צו הערן פון דיר וויאזוי דער יום טוב איז אדורך ביי אייך.

פון דיין חבר,

פון דיין חבר

יונתן בן שמעון



# ה' אלפים תר"ע

צו מיין חשוב'ער ברודער מרדכי,

מזל טוב צום שידוך פון דיין טאכטער! השי"ת זאל העלפן זאלסט זען פיל אידיש נחת פון איר און פון אלע קינדער. איך האלט צו האבן א געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט דיין צוקונפטיגער איידעם, ווייבאלד זיין משפחה וואוינט דא נישט ווייט פון אונזער שטעטל. וואס מאכן דיינע אנדערע קינדער? אין די היינטיגע שווערע צייטן, ווען עס בושעווען אזעלכע שווערע ווינטן ביי די יונגווארג, דארף מען עקסטער דאנקען דער רבש"ע אז מען דערלעבט אביסל אידיש נחת פון זיי. מיין חיים'ל וואקסט און בליט ב"ה בדרך התורה. ער איז א ריכטיגער בן חכם. ער האלט אין איין פרעגן טיפע שאלות אין הלכה, און אסאך מאל מוז איך פרעגן מיינע פראגן פונ'ם רב שליט"א, ווייל איך קען אים נישט ענטפערן אליין. ער וואקסט א תלמיד חכם ב"ה, און איך האב זייער הנאה פון יעדע פראגע באזונדער וואס ער פרעגט. אלעס איז מיט אן ערנסטקייט און מיט אן אמת'ער ווילן צו וויסן. לוידער הערט מען היינט אז פון די שענסטע שטובער פאלן אוועק שטיקער רח"ל. יונגע בחורים ווערן אנטציקט פון די נייע השכלה ווינטן און פאנגען אן צו פרעגן פראגן מיט שפאט און חוזק. אזעלכע פראגן אויף וואס עס איז נאר דא איין ענטפער – הקהה את שיניו. דער באשעפער זאל אונז אלע אפהיטן פון דעם און אונז העלפן ווייטער ערציען אונזערע קינדער בדרך התורה. מיין הארץ איז פול מיט פרייד ווען עס קומט פאר אן אמת'ער אידישער שמחה, און א נייע אידישע שטוב ווערט געבויט בדרך ישראל סבא. ביטע לאז מיר וויסן ווען די באשטימסטע די זמן החתונה, מיר זאלן זיך קענען גרייטן. איך וואונטש דיר אלעס גוטס, און השי"ת זאל העלפן מיר זאלן שטענדיג קענען מיטטיילן נאר גוטע בשורות.

פון דיין איינציגער ברודער
וואס פרייט זיך מיט דיין שמחה,

זלמן



## ב' אלפים קצ"ט

צו מיין ליבער ברודער דוד,

וואס מאכסטו? וואס מאכט דיין משפחה? דא ביי אונז אין חרן איז דער מצב פיל בעסער די לעצטע פאר יאר. זינט יעקב אבינו איז דא אנגעקומען און זיך באזעצט ביי זיין שווער לבן, האבן מיר געזען און נאך וואסער צו טרינקען. דאס לאנד ווערט געבענטשט אין זיין זכות. ס'איז אבער שוידערליך צו זען וויאזוי לבן באגייט זיך צו יעקב און צו זיינע אייגענע קינדער און אייניקלעך. מ'זעט אז עס ברענט אין אים א שנאה צו זיי – ער וויל זיי ממש פארניכטן. יעקב איז א הייליגער מאן, און לבן איז דאס ערגסטע וואס איז פארהאן. באמת איז נישט מעגליך אז די צוויי זאלן זיך פארטראגן. אבער יעקב רעדט שטענדיג מיט'ן פולסטן דרך ארץ צו זיין שווער. איך האלט אז יעקב וועט נאך דא בלייבן לאנגע יארן. און אונזער לאנד וועט ווייטער געבענטשט ווערן אין זיין זכות. איך האלט אז ער וועט אויסהאלטן צו וואוינען מיט זיין שווער און נישט אנטלויפן פון דא.

ביטע שרייב מיר צוריק אלע נייעס פון דיין משפחה.

מיט ליבשאפט,

דיין ברודער מנחם



# ב' אלפים של"ח

צו מיין ברודער יוסף,

איך האף אז דער בריוו וועט אנקומען צו דיר גענוג שנעל. און דו וועסט זיך פאקן פעק און מיר נאכקומען צו מיין נייער וואוינארט. גושן איז אזוי פארשטופט. עס איז אזוי ענג! אונזער פאלק האט זיך פארמערט בלעה"ר אויף א מורא'דיגע פארנעם. און מיר פולן אן גאנץ גושן. מען וואוינט אזוי צוגעשטופט. קעפ אויף קעפ. איך בין אזוי צופרידן פון מיין באשלוס זיך אוועקצוציען פון גושן. דא האב איך א ברייטע דירה. און כאטש איך האב גוי'ישע שכנים, פארטראגן מיר זיך זייער פיין. זיי רעדן צווישן זיך אז ס'איז א וואונדער וויאזוי אונזער פאלק איז געקומען קיין מצרים מיט געציילטע מענטשן, און מיר האבן זיך אזוי צעוואקסן און צעשפרייט אז מיר פולן אן דאס גאנצע לאנד. זיי נישט קיין נאר, יוסף, און לאז איבער די צעשטופטע גושן. איך מיין אז דו זאלסט קומען וואוינען דא נעבן מיר. אזוי וועסטו האבן א שיינע הויז און א גרויסער פעלד. דיין טענה, אז די היילגע שבטים וואלטן דאס נישט צוגעלאזט איז נישט ריכטיג. אין פריערע צייטן איז די ענגשאפט אין גושן נאכנישט געווען אזוי גרויס. אבער היינט איז אנדערש. וויפיל איז דער שיעור צו לעבן פארקוועטשט? ביטע ענטפער מיר וואס שנעלער, כדי איך זאל קענען צוגרייטן אלעס פאר דיין אנקום.

פון דיין ברודער
וואס האט אינזין דיין טובה.
רפאל



# ב' אלפים שס"ח

צו מיין טייערער פעטער יצחק הלוי,

איך שרייב צו דיר מיט בלוט און טרערן. דער מצב ביי אונז איז שרעקליך און ביטער. מיינע עלטערן זעה איך כמעט נישט פאר די אויגן די לעצטע פאר וואכן, ווייל די מצריים האלטן זיי אין איין טרייבן און יאגן. ס'איז נישט דא וואס צו עסן אין הויז. איך בין זייער פארלוירן. איך האב נישט וואס צו שפייזן מיינע קליינע געשוויסטער. אונזער שטוב איז געבענטשט מיט אסאך קינדער, און אלעס איז דא ווי א שיף אן א רודער. ווי לאנג נאך וועלן מיר זיין אזוי פארשקלאפט? איך קען שוין נישט צוקוקן ווי די מצריים שמייסן מיין טאטע ווען ס'דאכט זיך זיי אז ער ארבעט נישט גענוג שנעל. אדרבה, ווי זיי געבן פאר מיין מאמע שווערע, מענערישע ארבעט וואס איר שוואכע קערפער קען נישט דערהייבן. ווען וועט זיך דער באשעפער שוין מרחם זיין אויף אונז? וואספארא צוקונפט ערווארט מיר און מיינע געשוויסטער ווען מיר וועלן אביסל גרעסער ווערן? וועל איך אויך מוזן טאג נאך טאג, און אפילו שפעט ביינאכט טון די בילגסטע, שווערע און שמוציגע ארבעט פאר אונזערע שכנים? זייט מתפלל פאר אונז צום רבוש"ע ער זאל שוין הערן אונזער געשריי און אונז באפרייען פון אונטער דעם שווערן יאך.

דיין פלומעניק

יששכר



**וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים וַיְעַנּוּנוּ, וַיִּתְּנוּ עָלֵינוּ עֲבוֹדָה קָשָׁה.**

**וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים** - כְּמָה שֶּׁנֶּאֱמַר: הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ פֶּן יִרְבֶּה, וְהָיָה כִּי תִקְרֶאנָה מִלְחָמָה וְנוֹסַף גַּם הוּא עַל שֹׂנְאֵינוּ וְנִלְחַם בָּנוּ, וְעָלָה מִן הָאָרֶץ.

די מצריים האבן געמאכט די אידן שווער ארבעטן (ווייל זיי האבן מורא געהאט אז זיי וועלן מלחמה האלטן מיט זיי און ארויסגיין פון מצרים)

**וַיְעַנּוּנוּ** - כְּמָה שֶּׁנֶּאֱמַר: וַיָּשִׂימוּ עָלָיו שָׂרֵי מִסִּים לְמַעַן עַנֹּתוֹ בְּסִבְלֹתָם. וַיִּבֶן עָרֵי מִסְכְּנוֹת לְפַרְעֹה. אֶת פִּתֹם וְאֶת רַעַמְסֵס.

**וַיִּתְּנוּ עָלֵינוּ עֲבוֹדָה קָשָׁה** - כְּמָה שֶּׁנֶּאֱמַר: וַיַּעֲבִדוּ מִצְרַיִם אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּפָרֶךְ.

די אידן האבן געשריגן צו השי"ת און געבעטן אז ער זאל זיי העלפן.

**וַנִּצְעַק אֶל יְיָ אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, וַיִּשְׁמַע יְיָ אֶת קֹולֵנוּ, וַיַּרְא אֶת עָנְיֵנוּ וְאֶת עֲמָלֵנוּ וְאֶת לַחֲצֵנוּ.**

**וַנִּצְעַק אֶל יְיָ אֱלֹהֵי אֲבֹתֵינוּ** - כְּמָה שֶּׁנֶּאֱמַר: וַיְהִי בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם, וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבוֹדָה וַיִּזְעָקוּ, וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹהִים מִן הָעֲבֹדָה.

די אידן האבן געשריגן צו השי"ת און געבעטן אז ער זאל זיי העלפן.

**וַיִּשְׁמַע יְיָ אֶת קֹלֵנוּ - כְּמָה שֶּׁנֶּאֱמַר: וַיִּשְׁמַע אֱלֹהִים אֶת נַאֲקָתָם, וַיִּזְכּוֹר אֱלֹהִים אֶת בְּרִיתוֹ אֶת אַבְרָהָם, אֶת יִצְחָק וְאֶת יַעֲקֹב.**

השי"ת האט געהערט די געשריי פון די אידן, און געזען זייער פיין. השי"ת האט געוואוסט אז מען דארף זיי שוין אויסלייזן.

**וַיַּרְא אֶת עָנְיֵנוּ** - זוֹ פְּרִישׁוּת דֶּרֶךְ אֶרֶץ, כְּמָה שֶּׁנֶּאֱמַר: וַיַּרְא אֱלֹהִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע אֱלֹהִים.

**וְאֶת עֲמָלֵנוּ** - אֵלּוּ הַבָּנִים. כְּמָה שֶּׁנֶּאֱמַר: כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ וְכָל הַבַּת תְּחַיּוּן.

**וְאֶת לַחֲצֵנוּ** - זֶה הַדְּחַק, כְּמָה שֶּׁנֶּאֱמַר: וְגַם רָאִיתִי אֶת הַלַּחַץ אֲשֶׁר מִצְרַיִם לֹחֲצִים אֹתָם.

# ב' אלפים תמ"ח

צו מיין תשוב'ע, ליבע מאמע שתחי',

וואס מאכסטו, מאמע טייערע? נו, אז מען לעבט דערלעבט מען! ס'איז נישט צום גלייבן וויאזוי דער מצב פון אונז אידן האט זיך איבערגעקערט אזוי שנעל. השי"ת באווייזט זיין שטארקע האנט פאר די גאנצע וועלט און ער נעמט זיך אן פאר זיינע פארפלאגטע קינדער. מאמע, געדענקסט נאך די שווערע צייטן, ווי דו האסט געארבעט ביטער שווער טראץ דיין שוואכן געזונט צושטאנד? וואלסטו דאן געגלויבט אז בלויז עטליכע חדשים שפעטער וועסטו זיצן אינדערהיים במנוחה און צוזען די וואונדער פון באשעפער. וויאזוי ער הערשט אויף די מצריים מיט זיין שטארקע האנט און אויסגעשטרעקטער ארעם? צי וואלסטו דאן געגלייבט, ווען מען זאגט דיר אז אין בלויז אפאר קורצע חדשים וועלן מיר זיין פריי – פריי פון קנעכטשאפט?! מאמע, דיין חיזוק אין די שווערע צייטן האט אונז געהאלפן דורכשטופן דעם גלות, און יעצט קענסטו שעפן נחת און זען וויאזוי מיר, דיינע קינדער, געניסן פון דאס גוטס פונעם באשעפער.

פון דיין בענקעדיגע טאכטער,

שרה



**וּבְמֹפְתִים - זֶה הַדָּם, כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: וְנָתַתִּי מוֹפְתִים בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ.**

מען גיסט אויס איין טראפ פון וויין ביי יעדע מכה... אויך ווען מען זאגט דם ואש... און דצ"ך עד"ש באח"ב

**דָּם וָאֵשׁ וְתִימְרוֹת עָשָׁן**

**יעדע פון די 5 לשונות מיט וואס השי"ת האט ארויסגעצויגן די אידן פון מצרים איז קעגן צוויי מכות דאס זענען די 10 מכות.**

דָּבָר אַחֵר: בְּיָד חֲזָקָ"ה שְׁתַּיִם, וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה שְׁתַּיִם, וּבְמוֹרָא גָּדוֹל שְׁתַּיִם, וּבְאֹתוֹת שְׁתַּיִם, וּבְמֹפְתִים שְׁתַּיִם. אֵלּוּ עֶשֶׂר מַכּוֹת שֶׁהֵבִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל הַמִּצְרִים בְּמִצְרַיִם, וְאֵלּוּ הֵן:

**דָּם. צְפַרְדֵּעַ. כִּנִּים. עָרוֹב. דֶּבֶר. שְׁחִין. בָּרָד. אַרְבֶּה. חשֶׁךְ. מַכַּת בְּכוֹרוֹת:**

רַבִּי יְהוּדָה הָיָה נוֹתֵן בָּהֶם סִמָּנִים:

**דְּצַ"ךְ. עַדַ"שׁ. בְּאַחַ"ב:**

**ר' יוסי הגלילי ברענגט א פסוק וואס לערנט אז אין מצרים איז געווען 10 מכות און ביים ים סוף 50 מכות.**

**רַבִּי יוֹסֵי הַגְּלִילִי אוֹמֵר: מִנַּיִן אַתָּה אוֹמֵר שֶׁלָּקוּ הַמִּצְרִים בְּמִצְרַיִם עֶשֶׂר מַכּוֹת וְעַל הַיָּם לָקוּ חֲמִשִּׁים מַכּוֹת בְּמִצְרַיִם מָה הוּא אוֹמֵר וַיֹּאמְרוּ הַחַרְטֻמִּים אֶל פַּרְעֹה: אֶצְבַּע אֱלֹהִים הִיא, וְעַל הַיָּם מָה הוּא אוֹמֵר וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל אֶת הַיָּד הַגְּדוֹלָה אֲשֶׁר עָשָׂה יְיָ בְּמִצְרַיִם, וַיִּירְאוּ הָעָם אֶת יְיָ, וַיַּאֲמִינוּ בַּייָ וּבְמשֶׁה עַבְדּוֹ. כַּמָּה לָקוּ בְּאֶצְבַּע עֶשֶׂר מַכּוֹת. אֱמוֹר מֵעַתָּה: בְּמִצְרַיִם לָקוּ עֶשֶׂר מַכּוֹת וְעַל הַיָּם לָקוּ חֲמִשִּׁים מַכּוֹת.**

# ב' אלפים תקט"ן

טייערע באבי,

איך וויל דיר דערציילן א מעשה זאך פון מיין פיר יעריגע מרים'ל. זי האט מיר געבעטן איך זאל איר געבן צו טרינקען, און איך האב איר געגעבן וואסער. זי האט עס אבער צוריקגעגעבן, זאגנדיג, אז זי וויל מאראנצן זאפט! "מאראנצן זאפט?" האב איך זענען דורכגעגאנגען דעם ים סוף זענען דארט געווען אלע סארט געטראנקען. מען האט געקענט צוגיין צום איינציגע וואנט און עס האט זיך דארט געעפנט א קראן – און וואס מ'האט געוואלט האט מען באקומען! עלטער באבי האט מיר געזאגט אז זי געדענקט נאך די געשמאקע טעם פון די מאראנצן זאפט וואס זי האט דאן געהאט. איך וויל אויך האבן מאראנצן זאפט!" וואס זאגסטו נישט צו דעם, באבי? מרים'ל האט פארפירט אזוי לאנג, ביז איך האב איר ענדליך איבערגעבעטן מיט אביסל טרויבן זאפט. כאטש באמת גיב איך דאס נאר שבת. באבי, דיינע שילדערונגען איבער די וואונדערליכע געשעענישן ביים אדורכגיין דעם ים סוף זענען גוט אריין אין די קינדער'ס ביינער. איך קען זיך כמעט אליין פארשטעלן די וואונדערליכע נסים, ווי איר האט שפאצירט אויף די טריקענע צווישן די ריזיגע, פארפרוירענע ווענט, און דארט גענאסן פון אלעם גוטן! איך שטעל זיך פאר ווי איר רייסט אראפ די געשמאקע פירות אינמיטן די ים סוף, און ווי איר שפאנט מיט זיכערקייט און פרייד! ווען איך דערמאן זיך אין דעם אלעם ווערט מיר זיס אויפ'ן הארץ. כאטש איך האב עס נישט אליין איבערגעלעבט, בין איך א קינד פונעם פאלק וועמען דער רבש"ע האט געוויזן אזעלכע נסים און וואונדער מיט זיין גרויס ליבשאפט.

מיט ווארעמע וואונטשן,
און א גרוס פאר זיידי,

רחל






מען ברענגט אריין א כלי מיט וואסער פאר די בעל הבית זיך צו וואשן, ווייל דאס ווייזט אויף פרייהייט

מען מען וואשט זיך די הענט און מען זאגט יא די ברכה על נטילת ידים.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת יָדָיִם.




מצה ווערט אנגערופן:
מיכלא דמהמנותא – **אן עסן וואס ברענגט אמונה**
מיכלא דאסוותא – **אן עסן וואס ברענגט רפואות**

מוציא - מען נעמט אלע דריי מצות אין די הענט און מען זאגט די ברכה המוציא לחם מן הארץ.

מצה - מען לאזט אויס די אונטערשטע מצה און מען זאגט די ברכה על אכילת מצה.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, הַמּוֹצִיא לֶחֶם מִן הָאָרֶץ.
בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל אֲכִילַת מַצָּה.




פארוואס טונקט מען איין מרור אין חרוסת? חרוסת זעהט אויס ווי ליים, אלץ זכר צו דעם וואס די אידן האבן געארבעט שווער און אליין געדארפט מאכן ליים

מען נעמט א כזית מרור און מען טינקט עס איין אין חרוסת און מען זאגט די ברכה על אכילת מרור.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל אֲכִילַת מָרוֹר.

## כורך



מען נעמט צוויי שטיקלעך פון די אונטערשטע מצה, מען לייגט אינצווישן מרור און מען זאגט זכר למקדש כהלל.

זֵכֶר לְמִקְדָּשׁ כְּהִלֵּל. כֵּן עָשָׂה הִלֵּל בִּזְמַן שֶׁבֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָיָה קַיָּם: הָיָה כּוֹרֵךְ פֶּסַח מַצָּה וּמָרוֹר וְאוֹכֵל בְּיַחַד, לְקַיֵּם מַה שֶּׁנֶּאֱמַר: עַל מַצּוֹת וּמְרֹרִים יֹאכְלֻהוּ.

## שלחן עורך



מען עסט א סעודה לכבוד יום טוב. מען פירט זיך צו עסן אייער איינגעטונקען אין זאלץ וואסער אלץ זכר צום קרבן חגיגה.

## צפון



הִנְנִי מוּכָן וּמְזוּמָן לְקַיֵּים מִצְוַת אֲכִילַת אֲפִיקוֹמָן, לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ (בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ לְיַחֵד שֵׁם י"ה בו"ה בְּיִחוּדָא שְׁלִים) עַל יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל. וִיהִי נוֹעַם יְיָ אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

מען נעמט אפיר דעם באהאלטענעם אפיקומן און מען עסט א כזית פאר חצות.



**מען גיסט אן די פערטע כוס**
**און מען זאגט הלל.**

**שְׁפֹךְ חֲמָתְךָ** *אויף וועמען?* **אֶל הַגּוֹיִם אֲשֶׁר**

גיס אויס דיין צארן צו די פעלקער וואס

**לֹא יְדָעוּךָ וְעַל מַמְלָכוֹת** *וועלכע קעניגרייכן?* **אֲשֶׁר**

ווילן דיך נישט אנערקענען, און אויף די קעניגרייכן וואס

**בְּשִׁמְךָ לֹא קָרָאוּ** *וואס האבן זיי שלעכטס געטון?* **כִּי**

וואס רופן נישט דיין נאמען ווייל

**אָכַל אֶת יַעֲקֹב וְאֶת נָוֵהוּ הֵשַׁמּוּ** *דערפאר בעטן מיר.* . .

ער האט פארניכטעט יעקב, און דיין פרעכטיגן וואוינונג האבן זיי פארוויסט,

**שְׁפָךְ עֲלֵיהֶם זַעְמֶךָ וַחֲרוֹן אַפְּךָ יַשִּׂיגֵם**

גיס אויס אויף זיי דיין גרימצארן און דיין ברענענדיגער צארן זאלן זיי גרייכן

**תִּרְדֹּף בְּאַף וְתַשְׁמִידֵם** *פון וואו?* **מִתַּחַת שְׁמֵי יְיָ.**

זאלסטו זיי יאגן מיט צארן, און זאלסט זיי פארטיליגן פון אונטער די הימלען פון השי"ת

אוי לדור
שכך עלתה בימיו
הורידי כנחל דמעה
אוי למה שהגענו

בס"ד

למע"כ אנ"ש הורי תלמידי מוסדותינו הקדושים הע"י

אחרי העיון ודיון בכל הפרטים הננו לגלות דעתנו דעת תורה אשר כל הערעורים בזה אין בהם שום שחר ובשקר יסודם, ואין כאן ח"ו שום שינוי לא מיניה ולא מקצתיה מהמסורה בדרך החינוך שהורה לנו רבינו הק' זי"ע,

ואדרבה נוכחנו לדעת שהכל מתנהג בפיקוח ובדקדוק גדול ע"י אנשים יראי אלקים להחזיק מסורת אבותינו בידינו העומדים על המשמר לבל יכניסו שום שמץ והשפעה מדרכי הגוים, רק להנך בנינו ובנותינו בקדושה ובטהרה בדרך ישראל סבא.

הגדה זו לא נכתב ע״י
**מין**

אבל נכתב למען התיפות
**בעיני המינים**
ועוקרי האמונה רח״ל

# ודיניהם שוה!

אוצר הלימודים